דאָ נאָר געבען די רעזאָלוציעס וועלכע באַלאַסטען דעם קרן התורה והדת אין אמעריקאַ מיט דער דורכפיהרונג פון די פאָלגענדע אויפגאַבען, וועלכע זאָלען העלפען אין פארשפרייטען דעם לימוד התורה איבערן לאַנד.

א. דער קרן התורה איז א פינאַנציעלער פאָנד פון חרד׳ישען אידענטום דאָ און האָט קיין שייכות נישט מיט אירגענד וועלכער פארטיי פאָליטיק און זיינע סובוועַנציעס געהען צו אַלע, וועלכע זיינען קוואליפיצירט, צי דאָס זיינען פער־זאָנען אָדער רעליגיעזע ענינים, אָהן אונטערשייד פון אָרגאַניזאַציע אָדער פּאַרטיי.

ב. דער קרן התורה רופט אלע ישיבה־לייט מצוינים זיך צו פארטיפען אין זייע־רע לימודים אזוי, אז דאָס לאנד זאָל ווערען א צענטער פאר לומדות. דער קרן התורה וועט יעדען יאהר אויסטיילען פּרעמיעס פאר מצוינים, וועלכע וועלען אויפטהון אין לערנען און אזוי וועט געשאַפען ווערען א קנאת סופרים.

ג. דער קרן התורה עפענט די טויערען פון די עקזיסטערענדע ישיבות אי־בער אמעריקא פאר אלע וואָס ווילען לערנען. קיין זאך זאָל נישט אָפּהאַלטען די עלטערען פון שיקען א קינד אין ישיבה. אויב אז די עלטערען קענען זיך פי־נאַנציעל נישט לייסטען צו שיקען זייערע קינדער אין א ישיבה איז דער קרן התורה גרייט צו באַצאָהלען דעם שכר לימוד פאר דעם קינד און ערמעגלי־כען זיין תורה אויסבילדונג. די דאָזיגע רעזאָלוציע וועט פערקינדעט ווערען אין אלע שוהלען און צייטונגען איבערן גאנצען לאנד. די פארקינדיגגונג פראָ־פאגירט בכלל דעם רעיון פון חנוך הבנים והבנות ולמוד תורה. עסקנים וועלען ארומפאהרען און אגיטירען פאר למוד התורה, פארשפרייטען דעם ושננת לבניך געדאנק ברוח התורה והיהדות.

ד. דער קרן התורה וועט ערמעגליכען צו דרוקען נויטיגע ספרי למוד אין וועלכע עס פיהלט זיך א מאַנגעל היינט.

ה. דער קרן התורה וועט ערמעגליכען צו עפענען שעורי ערב אָוועַנד קור־סען אין אלע געגענדען פון די שטעדט און דערמיט געבען א מעגליכקייט אלעמען פאַר השלמה עצמית.

ו. דער קרן התורה וועט סובסידירען אלע קאָנסטרוקטיווע הייליגע ענינים נאָך זיינע מעגליכקייטען און באַזאָרגען דברים שבקדושה אין די מקומות וְואו מען נויטיגט זיך אין זיי, אין דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, אין די פארוואָרפענע לענדער, וואו פליטים געפינען זיך, וואו מען וועט נאָר קענען גרייכען.

עס זיינען נאָך פאראן צעהנדליגער אויפגאבען פארן קרן התורה און מיר גי־בען נאָר א קורצען איבערבליק איבערן צוועק פון דעם זעלביגען.

די הכנסות פון קרן התורה, וועלכער מוז ווערען דער פינאַנציעלער אינסטרו־מענט פון אלגעמיינעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום דאָ פאַר אלע זיינע גייסטיגע צוועקען — וועלען געשאַפען ווערען פון פאָלגענדע מקורים:

א). יעדעס יאָהר וועט דורכגעפיהרט ווערען א גרויסער קאַמפיין פאַר׳ן קרן התורה והדת, אין וועלכען עס וועלען זיך באַטייליגען שוהלען, אָרגאַניזאַציעס